בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שמיני תשפ"ה | שבת מברכין | גליון 790 [שנה י"ז]

**אהרן האט זיך געפריידט אז משה איז משמש אין די ימי המילואים**

וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי קָרָא מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו וּלְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל: (ט א) שטייט אין פריערדיגן פסוק (ענדע פ' צו), וַיַּעַשׂ אַהֲרֹן וּבָנָיו אֵת כָּל הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' בְּיַד מֹשֶׁה: פרעגט דער רמב"ן און אויך רבינו בחיי, פארוואס שטייט "אֲשֶׁר" צִוָּה ה' וואס דאס מיינט וואס דער אויבערשטער האט באפוילן, און נישט "כַּאֲשֶׁר" צִוָּה ה', אזוי ווי עס שטייט אלעמאל? נאך איז שווער פארוואס שטייט אֲשֶׁר צִוָּה ה' "בְּיַד" מֹשֶׁה, און נישט אֲשֶׁר צִוָּה ה' "אֶת" מֹשֶׁה? נאר מען קען ענטפערן אז אהרן האט זיך אלעמאל זייער געפריידט אויף די גרויסקייט פון משה, אזוי ווי עס שטייט (שמות ד יד) וַיֹּאמֶר הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ הַלֵּוִי יָדַעְתִּי כִּי דַבֵּר יְדַבֵּר הוּא וְגַם הִנֵּה הוּא יֹצֵא לִקְרָאתֶךָ "וְרָאֲךָ וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ", און עס שטייט אין מדרש ילקוט דא, אז יעצט ווען דער אויבערשטער האט געהייסן משה משמש זיין אין די שבעת ימי המילואים, האט שוין אהרן געמיינט און געפריידט אז משה וועט יעצט באקומען די כהונה, דאס מיינט דער פסוק "וַיַּעַשׂ" אַהֲרֹן, ער איז געווארן בשמחה, ווייל אֲשֶׁר צִוָּה ה', דאס וואס משה האט באקומען דער ציווי בְּיַד מֹשֶׁה, אז ער זאל משמש זיין, דעריבער שטייט נישט כַּאֲשֶׁר צִוָּה, נאר אֲשֶׁר צִוָּה, ווייל עס גייט ארויף אויף די עשייה פון יעצט משמש זיין, און דאס מיינט צִוָּה ה' בְּיַד מֹשֶׁה, וועגן די עבודה וואס משה האט געטאן, אבער וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי קָרָא מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו, און געזאגט, אז די כהונה בלייבט ביי זיי, און צו די זקני ישראל "להשמיעם שעל פי הדבור אהרן נכנס ומשמש בכהונה גדולה", און משה האט געזאגט קְרַב אֶל הַמִּזְבֵּחַ: אָמַר לוֹ מֹשֶׁה: לָמָּה אַתָּה בוֹשׁ? לְכָךְ נִבְחַרְתָּ. די כהונה באלאנגט צו אהרן ובניו. (אהבת ציון הגאון ר' אברהם היילפרין לובלין שצ"ד)

**פארוואס שטייט דריי מאל ויהי אין ר"ח ניסן**

וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי: (ט א) שטייט דא דער לשון וַיְהִי, און די גמ' (מגילה דף י) זאגט כל מקום שנאמר וַיְהִי איז געווען א צרה, א צער, אויך אין פ' פקודי שטייט (שמות מ יז) "וַיְהִי" בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הוּקַם הַמִּשְׁכָּן: אויך וַיְהִי א לשון צער, און נאכדעם שטייט (במדבר ג מג) וַיְהִי כָל בְּכוֹר זָכָר בְּמִסְפַּר שֵׁמֹת מִבֶּן חֹדֶשׁ וָמַעְלָה לִפְקֻדֵיהֶם, און דאס איז געווען חודש השני, אבער די בְּכוֹרִים זענען יעצט געווען בֶּן חֹדֶשׁ וָמַעְלָה אין חודש השני, און זיי זענען געבוירן געווארן ר"ח ניסן, און ווייל ר"ח ניסן איז געשטארבן נדב ואביהוא, איז דאס געווען א צער פאר דריי מענטשן, פאר אהרן, אלעזר און איתמר, דעריבער שטייט דריי מאל וַיְהִי, א לשון צער, אויף דעם ר"ח ניסן. (אהבת תורה, פינחס זלמן הורוויץ קראקא תרס"ה)

**די קרבן עוֹלָה פון כלל ישראל איז געווען וועגן עובר זיין א עֲשֵׂה**

וַיֹּאמֶר אֶל אַהֲרֹן קַח לְךָ עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת וגו' וְאֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר קְחוּ וגו' וְעֵגֶל וָכֶבֶשׂ בְּנֵי שָׁנָה תְּמִימִם לְעֹלָה: (ט ב– ג) צו פארשטיין פארוואס האט אהרן געברענגט א עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת, און די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל האבן געברענגט א עֵגֶל לְעֹלָה? נאר א עולה איז מכפר אויף די מחשבה פון די עבירה, און ווייל אהרן האט געמאכט די עגל מיט א מחשבה טובה, ממילא דארף ער נישט א קרבן עולה, און באמת די אלע אידן וואס האבן געזינדיגט בים עגל האבן שוין געשטארבן אין די מגיפה, איז נאר געבליבן די אידן וואס זייער עבירה איז געווען וואס זיי האבן נישט מוחה געווען, און האבן עובר געווען אויף די מצות עשה פון הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ, און אויף עובר זיין א עשה איז מען מחוייב צו ברענגען א קרבן עולה, לפי"ז קען מען טייטשן וואס עס שטייט נאכן חטא העגל וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי עֲלֵהֶם חַטָּאתָם (שמות לב לד) וואס אלע אידן זענען שוין געהאט זייער עונש, אויב אזוי וואס מיינט וּפָקַדְתִּי עֲלֵהֶם חַטָּאתָם? נאר עס שטייט אין גמ' (מנחות דף מ"א ע"א) אז בעידן ריתחא אין א צייט פון צארן, טוט דער אויבערשטער שטראפן אויף א עשה, דעריבער ווייל די אידן וואס זענען געבליבן האבן עובר געווען אויף א עשה, וועגן דעם איז וּבְיוֹם פָּקְדִי, בעת צרה, וּפָקַדְתִּי עֲלֵהֶם חַטָּאתָם, וועט דער אויבערשטער מעניש זיין די וואס האבן עובר געווען אויף די עשה פון הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ. (מעגלי צדק דעעש)

**פארוואס דארף שטיין לאמור?**

וְאֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר קְחוּ שְׂעִיר עִזִּים לְחַטָּאת וְעֵגֶל וָכֶבֶשׂ בְּנֵי שָׁנָה תְּמִימִם לְעֹלָה וְשׁוֹר וָאַיִל לִשְׁלָמִים: (ט ג–ד) לכאורה איז שווער פארוואס דארף שטיין תְּדַבֵּר לֵאמֹר, עס וואלט געקענט נאר שטיין תְּדַבֵּר קְחוּ שְׂעִיר עִזִּים וגו'? נאר מען קען זאגן אז וויבאלד די קרבנות זענען געווען צו מכפר זיין אויף די מעשה העגל, דארף מען דאך זאגן ווידוי און מתוודה זיין אויף די עבירה, דעריבער שטייט וְאֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר, זאלסט זיי זאגן, אז לֵאמֹר, זיי זאלן זאגן ווידוי ביים מקריב זיין, מען קען אויך ענטפערן נאך א פשט, ווייל עס שטייט אין גמ' (יומא דף מ"א ע"א) מען דארף מפריש זיין א קרבן, און רש"י (ד"ה אין הקינין) איז מסביר אז מען דארף ארויס זאגן מיטן מויל דאס איז פאר א חטאת און דאס איז פאר א עולה, דאס זעלבע קען מען דא זאגן, ווייל מען האט געדארפט ברענגען דריי קרבנות, א חטאת, א עולה און א שלמים, דעריבער וְאֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר, האט מען געדארפט זאגן, אז לֵאמֹר זיי זאלן ארויס זאגן מיטן מויל ביים מפריש זיין: שְׂעִיר עִזִּים לְחַטָּאת, און עֵגֶל וָכֶבֶשׂ לְעֹלָה, און שׁוֹר וָאַיִל לִשְׁלָמִים. (אמרות ה' ר' משה ליטש רוזנבוים)

**א שיינע חידוש פשט אין למה אתה בוש?**

וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן קְרַב אֶל הַמִּזְבֵּחַ: (ט ז) רש"י ברענגט פון תוֹרַת כֹּהֲנִים, קְרַב אֶל הַמִּזְבֵּחַ: שֶׁהָיָה אַהֲרֹן בּוֹשׁ וְיָרֵא לָגֶשֶׁת. אָמַר לוֹ מֹשֶׁה: לָמָּה אַתָּה בּוֹשׁ? לְכָךְ נִבְחַרְתָּ. פרעגן אלע, פארוואס פרעגט אים משה לָמָּה אַתָּה בּוֹשׁ? פארוואס זאל אהרן זיך נישט שעמען, ווען צוליב אים איז געווען די חטא העגל? נאר מען קען זאגן אז פשט איז, אז משה האט אים נישט געפרעגט פארוואס שעמט ער זיך, נאר משה האט אים געזאגט לָמָּה דער זאך אַתָּה בּוֹשׁ, אז דו שעמט זיך וואס דו האסט געטאן, איז א סימן אז דו ביזט א ירא שמים און ראוי צו זיין א כהן, לְכָךְ, וועגן די בושה, נִבְחַרְתָּ, האט מען דיר אויס געקליבן. (אור המאיר הרה"ק ר' יצחק מאיר ממעזיבוז)

מדור העובדות

# *****הרה"ק רבי שמואל פון דאָראָג זצוק"ל באצאלט א טובה פארן פעסטער ראש הַקָהָל*****

הרב הק' ר' שמואל פרנעקל - אויך באקאנט אלץ ר' שמואל קאמאדאר- איז געבוירן געווארן ה' ניסן תקע"ה, צו הרב שרגא פייבוש אב"ד גינז ריסקא און מרת גיטל, אין שטאט קאמאדע אין אונגארן, ער איז געווען נאנט מיטן הייליגן דברי חיים מצאנז וואס איז געווען זיין שדכן, אויך האט ער געהאט פארבינדונגן מיטן כתב סופר און הייליגן ייטב לב פון סיגוט זיע"א, ער האט באקומען די רבנות אין שטאט דאראג שנת תרל"ד און געהאט אסאך חסידים, ער איז געווען א גרויסע פועל ישועות, און די דערמאנטע רבנים האבן אים געשטיצט צו זיין דער נשיא פון די אידישע קהילה אין פעסט, און דאס אנגעפירט ביז ער איז געווארן רבי אין דאראג.

מען דערציילט: אז אין דער שטאט פעסט איז געווען די הויפט קאנסול פאר די ארטאדאקסישע קהילה אין אונגארן און זיי האבן געהאלפן זייער אסאך אידן מיט געלט זאכן און מיט עצות מיט די ממשלה, ר' איציק רייך איז געווען איינער פון די נשיאים פון קאנסול און האט געפירט א גרויסע קאסע פון געלט, איינמאל האט זיך געמאכט אז א געוויסע מדינה האט זיך גענויטיגט אין געלט און זיי האבן פארקויפט שטרות און צוגעזאגט הויכע רווחים פאר די קונים, ר' איציק האט געהאט א חבר וואס האט געארבעט אין די בערזע און האט איינגעזעהן אז בדרך הטבע וועט מען קענען פארדינען זייער אסאך געלט און האט דעריבער איינגעבעטן אז ר' איציק זאל גיין מיט אים בשותפות און אויך אריינלייגן געלט פון די קאסע פון קאנסול און אזוי וועלן זיי אלע פארדינען. ר' איציק האט נישט צופיל פארשטאנען אין דעם אבער די קלער פון ווערן רייך האט איבערגענומען זיין שכל און האט געפאלגט זיין חבר און מען האט געקויפט זייער אסאך שטרות פון יענע מדינה.

אין אנפאנג האט דאס אויסגעזעהן זייער גוט ווייל די פרייזן פון די שטרות זענען געשטיגן און אלע האבן געהאפט אויף א ווייטערדיגע הצלחה, אבער איין טאג זענען די פרייזן געפאלן און מען האט געדארפט צולייגן נאך געלט דאס אנצוהאלטן, אבער עס איז אזוי אנגעגאנגען אז יעדע שטיק צייט זענען די שטרות געפאלן און ר' איציק האט שוין געמוזט נעמען זיין אייגענע געלט און דאס אריינלייגן אין די שטרות אז חלילה די געלט פון קאסע פון קאנסול זאל נישט פארלוירן גיין און ווערן פון דעם א חילול ה'!

איינמאל האט זיך געמאכט א געוויסע ענין אין דאראג וואס מען האט דאס געדארפט ערליידיגן מיטן אידישן קאנסול אין פעסט, און רב שמואל דער דאראגע רבי איז געפארן קיין פעסט זיך טרעפן מיט ר' איציק רייך, דער דאראגער רבי האט פארגעלייגט דעם ענין וועגן וואס ער איז געקומען און ר' איציק הערט אים אויס און נאכן זיך אויס שמועסן און שתדלנות פון ר' איציק ביי די ממשלה איז דער ענין געקומען צו א לייזונג לטובת די שטאט דאראג. דער דאראגער רבי האט שטארק באדאנקט ר' איציק פאר זיין הילף.

נאכן ענדיגן מיט די טובת הכלל רופט זיך אהן ר' איציק צום רבין, מיר האבן געענדיגט מיט אייער טובת הכלל, אבער יעצט דארף איך די הילף פון רבין סיי פאר טובת הכלל און סיי טובת הפרט, גוט, ענטפערט דער רבי, לאמיר זעהן אויב איך קען אייך העלפן, און ר' איציק לייגט אראפ פארן רבין וואס ער גייט יעצט דורך, און די טובת הכלל איז פון די קאסע פון פעסט וואס איך האב שוין נישט קיין געלט יעצט און איך קען שוין נישט קויפן נאך שטרות, און אזוי וועט די גאנצע געלט פון די קאסע און אויך מיין אייגענע געלט וועט פארלוירן גיין און עס וועט זיין א חילול ה', און איך וועל זיך נישט קענען באוויזן פאר די מענטשן, און נישט קענען העלפן די אידן!

דער דאראגער רבי הערט אים אויס אבער ער זאגט אז איך בין בכלל נישט באקאנט אין דעם ענין, אויב אזוי ווי קען איך דיר העלפן מיט אזאך וואס איך פארשטיי נישט אין דעם? ר' איציק האט זיך נישט פארלוירן און זאגט דעם רבין אז ווען דער רבי האט געקומען צו מיר בעטן הילף האב איך נישט געקוקט צו איך קען יא אין דעם, דעריבער מוז דער רבי מיר אפצאלן א טובה און מיר העלפן! דער רבי נעמט זיך טראכטן און זאגט אז ר' איציק איז גערעכט, נאך אפאר מינוט רופט זיך אן דער רבי, איך האב פאר דיר א עצה ווארט דרייצן טעג און דערוויל טו גארנישט, און ביים דרייצינדיגער טאג וועסטו האבן א ישועה, און דער רבי גיט אים א ברכה אויף הצלחה, און דאנקט ר' איציק פאר זיין הילף און פארט צוריק קיין דאראג.

ר' איציק האט שוין נישט געהאט קיין דאגה און געהאט אמונה אין צדיק און געווען רוהיג, און טאקע דעם קומענדיגן טאג איז די פרייז געבליבן די זעלבע אבער אויף מארגן איז די פרייז אביסל ארויף, זיין שותף האט געבעטן ר' איציק לאמיר שנעל פארקויפן איידער די פרייז פאלט, אבער ר' איציק זאגט מען גייט ווארטן! ביים דרייצנדיגער טאג האט די פרייז געגעבן א טאנץ ארויף זייער הויך און ר' איציק זאגט מען גייט פארקויפן היינט די שטרות, די שותף האט נישט געוואלט פארקויפן, ווייל ער האט געמיינט אז עס וועט נאך העכער שטייגן, אבער ר' איציק האט דערציילט פארן שותף די רייד פון דאראגער צדיק, האט ער מסכים געווען און מען האט די שטרות פארקויפט און נאך פארדינט גרויס געלט, אויף מארגן האט שוין די פרייז פון שטרות געפאלן זייער שטארק, ר' איציק האט געזען וואס דער רבי האט געארבעט פאר אים! זיע"א.

ער פלעגט זיך חתמנען שמואל פרענקל מב"ח – בית חלפין- ער איז נפטר געווארן ט"ו חשון תרמ"ב, און די נוסח פון זיין מצבה "שר גדול גאון ישראל צדיק ועניו מקור החכמה רכב ישראל ופרשיו ונחה עליו רוח ד' בנגלה ונסתר אספקלריא המאירה פאר הדור" האט געשריבן הרה"ק רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים דער הייליגער ייטב לב מסיגוט זיע"א. זיינע תורות זענען געדרוקט אין ספר אמרי שפר צוזאמען מיט חידושים פון זיין טאטע אין מונקאטש שנת תרח"ם.

(סיפורי שמואל מארגערעטן תש"ג וגם ירושלים תש"י)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

ספר מרכבת המשנה עם הגה רבי עקיבא איגר $6500, מכתב ר' יונתן שטייף מבקש עזרה מר' יעקב רוזנהיים לקבל היתר יציאה מפעסט תש"א $1500 סעט שפתי צדיק פיליץ נדיר $1500 ספר בית אהרן דפוס ראשון מצב יפה עם הוספה בסוף דברי תורה $3500 ג חתימות על דף של האמרי אמת מגור $1500 אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 שו"ע חו"מ ח"א סלאוויטא רב משה $3500 שו"ע יו"ד ח"ב סלאוויטא $3200 ספר עם חתימת הגה"ק מבוטשאטש $20000, 13 כרכים שונים גמרות זיטאמיר $10000 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500 תהלים זיטאמיר מצודות $24000 ספר דרכי האמונה יאם ידוע לשמירה דפו"ר נדיר $800 תהלים זיטאמיר מהסידור $6000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי ור' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהר"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $3500 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט, מיר זענען פארמאכט חול המועד

 הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"